Publié par l'Association pour l'Etude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem

# דער ייִדישער טעם-טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש-לימוד און פֿון דער מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 3 , נומער 3 (13)

שבֿט תשנ״ח/פֿעברואַר 1998

## אַ סך-הכּל[1] פֿאַר אָנהייבערס

אין דעם נומער האָבן מיר געוואָלט אָפּגעבן כּבֿוד[2] דער ייִדישער פּרעסע. נישט דער אַמאָליקער גרויסער פּרעסע מיט באַרימטע זשורנאַלן און צײַטונגען וואָס מע האָט געדרוקט אין וואַרשע, אין ווילנע, אין הונדערטער שטעט און



שטעטלעך פֿון מיזרח[3]- און מערבֿ[4]-אייראָפּע ווי אויך אויף יענער זײַט ים[5], אין ניו-יאָרק, בוענאָס-אײַרעס און מעלבורן... נאָר דער ייִדישער פּרעסע פֿון הײַנט צו טאָג, באַשיידענע[6] צײַטשריפֿטן וואָס דערשײַנען[7] וואָכנדיק, חודשלעך[8] צי פֿערטליאָריק און וואָס גיבן זיך אָפּ מיט געזעלשאַפֿטלעכע[9], פּאָליטישע, קולטורעלע אָדער לינגוויסטישע טעמעס. מיר דערמאָנען דאָ די אינטערעסאַנטסטע צײַטשריפֿטן וואָס גייען אַרויס אויף ייִדיש אין דער וועלט.

מיר ווינטשן זיי אַלע וואָס מער לייענערס, און אײַך, טײַערע אָנהייבערס, איר זאָלט זיך גוט אויסלערנען ייִדיש און הנאה[11] האָבן פֿון זיי.

1. SAKhAKL resumé/summary ; 2. ... KOVED rendre hommage/to honor ; 3. MIZREKh est/east ; 4. MAYREV ouest/west ; 5. YAM mer/sea ; 6. modestes/modest ; 7. paraissent/are published ; 8. KhOYDEShLEKh mensuel/monthly ; 9. sociaux/social ; 10. HANOE plaisir/pleasure.

## דאָס ייִדישע וואָרט אין פּוילן

אין פּוילן דערשײַנט הײַנט צו טאָג בלויז איין (האָבנדיק אין זינען די צאָל מענטשן אין הײַנטיקן פּוילן, וואָס פֿאַרשטייען ייִדיש, וואָלט מען אייגנטלעך געדאַרפֿט זאָגן : אַזש[1] איין) ייִדיש-שפּראַכיקע צײַטשריפֿט. אויך די דאָזיקע אויסגאַבע איז נישט אין גאַנצן אויף ייִדיש, נאָר צווייִשפּראַכיק, מיט אַ גרעסערן פּוילישן טייל און אַ ביסל אַ קלענערן - ייִדישן. ס'איז אַ קולטורעל-געזעלשאַפֿטלעכע צווייוואָכן-שריפֿט וואָס הייסט *דאָס ייִדישע וואָרט*. עס גייט אַרויס זינט 6 יאָר אין וואַרשע מיט דער שטיץ[2] פֿונעם מיניסטעריום פֿאַר קולטור און קונסט. פֿאָרמעל איז *דאָס ייִדישע וואָרט* אַ יורש[3] פֿון דעם זשורנאַל *פֿאָלקסשטימע* וואָס פֿלעגט דערשײַנען אין די צײַטן פֿונעם קאָמוניסטישן רעזשים, נאָר זײַן הײַנטיקער פּראָפֿיל איז פֿאַרשטייט זיך אין גאַנצן אַנדערש.




דער אינהאַלט פֿונעם פּוילישן און פֿונעם ייִדישן טייל איז נישט גלײַך - דער ערשטער פֿאַרנעמט זיך מער מיט די ייִדישע ענינים[4] אין פּוילן (און אויף דער וועלט) און דער צווייטער - מער מיט דעם, וואָס האָט צו טאָן מיט ייִדיש גופֿא[5]. לײדער - דאָס באַמערקט אַפֿילו דער הויפּטרעדאַקטאָר, אַדאַם ראָק - שטייט דער ייִדישער טייל אַ ביסל אָפּ[6] פֿון דעם פּוילישן וואָס שייך[7] דעם ניוואָ פֿון די אַרטיקלען און דער עיקר - פֿון דער שפּראַך. צום באַדויערן באַנוצן זיי אויך נישט דעם ייִוואָ-אויסלייג. ניט קוקנדיק אויף דעם, קען מען דאָ געפֿינען זייער אינטערעסאַנטע און גוט געשריבענע אַרטיקלען פֿון די קאָרעספּאָנדענטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. (אינעם נומער פֿון 9טן יאַנואַר 1998 קענט איר למשל לייענען, ווי אַזוי מרדכי צאַנין דערציילט וועגן דער ייִדישער פּרעסע אין ישׂראל).

*דאָס ייִדישע וואָרט* ווערט אַבאָנירט אין עטלעכע לענדער. עס קומט אויך אָן אין דער מעדעם-ביבליאָטעק - און ס'איז כּדאַי אים אַ מאָל אויפֿצומישן !

1. pas moins de/as many as ; 2. soutien/support ; 3. YOYREsh héritier/heir ; 4. INYONIM *sing*. INYEN sujets/subjects ; 5. GUFE proprement dit/proper ; 6. reste en deça de/lags behind ; 7. sHAYEKh en ce qui concerne/concerning.

# ייִדישע צײַטשריפֿטן אַרום דער וועלט

## פֿון די הונדערטער ייִדישע צײַטונגען, זשורנאַלן, אַלמאַנאַכן, בראָשורן און אַנדערע שריפֿטן וואָס האָבן אַ מאָל עקזיסטירט אין אַלע לענדער, זענען נאָך געבליבן עטלעכע, פֿאָרט אינטערעסאַנטע !

די ייִדישע פּרעסע איז, ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין אַמעריקע, אין ניו-יאָרק דערשײַנט זינט 1892 ***די צוקונפֿט***, געווידמעט קולטורעלע און געזעלשאַפֿטלעכע ענינים. אַ מאָל איז עס געווען אַ גרויסער חודש-זשורנאַל, איצט - אַ דינע פֿערטליאָר-שריפֿט.

די אַנדערע טיטלען זענען אַ סך ייִנגער.

***ייִדישע קולטור*** (געגרינדעט אין נ״י[1] אין 1938) איז דער ליטעראַרישער אָרגאַן פֿון איקוף (ייִדישער קולטור-פֿאַרבאַנד), אַ לינקע, פֿריִער אַפֿילו פּראָ-סאָוועטישע וועלט-אָרגאַניזאַציע. ***אונזער צײַט*** (1941) דערשײַנט אין נ״י יעדע צוויי חדשים און איז אַ בונדישער זשורנאַל וואָס פֿאַרנעמט זיך מער מיט די פּאָליטישע פֿראַגעס. ***לעבנס-פֿראַגן*** (1951) איז אויך אַ בונדישע אויסגאַבע




אָבער זי דערשײַנט אין תּל-אָבֿיבֿ און דרוקט, אַחוץ פּאָליטישע אַרטיקלען, כּל-מיני אינפֿאָרמאַציעס וועגן ייִדיש אין ישׂראל און אין דער וועלט. אין לאָס-אַנדזשעלעס דערשײַנט אַ באַשיידענע נאָר דערפֿאַר זייער אַ רעגולערע האַלביעריקע ליטעראַרישע צײַטשריפֿט, ***חשבון***[2], אַרויסגעגעבן זינט 1949 דורכן לאָס-אַנדזשעלעסער שרײַבערקרײַז.

אין 1973 אין ירושלים האָט דער פּאָעט יוסף קערלער, דעמאָלט אַ פֿרישער עולה[3] פֿון סאָוועט-רוסלאַנד, געגרינדעט דעם ***ירושלימער אַלמאַנאַך***, אַ יערלעכע אויסגאַבע פֿאַר ליטעראַטור. אַ יחיד במינו[4] צווישן די ייִדישע זשורנאַלן איז ***אויפֿן שוועל*** (1941), וואָס רופֿט זיך אָן „אַ קוואַרטלניק“ (פֿערטליאָר-שריפֿט). ער גיט אָפּ זײַן גרעסטן טייל די ייִדישע שפּראַכפֿראַגעס : פֿון לינגוויסטיק ביז פֿאָלקלאָר- און ליטעראַטור-פֿאָרשונג.

ווער טענהט אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין נײַעס אויף דער ייִדישער גאַס ? אין די לעצטע יאָרן זענען געבוירן געוואָרן לכל-הפּחות[5] זעקס נײַע אויסגאַבעס אין ייִדיש. אין אָדעס האָט אַ גרופּע יונגע ייִדישיסטן פֿאַרלייגט[6] אין 1994 ***מאַמע-לאָשן*** (לויטן כּלל-ייִדיש[7] וואָלט מען געדאַרפֿט שרײַבן מאַמע-לשון אָבער זיי שרײַבן נאָך מיטן סאָוועטישן אויסלייג). אין מאָסקווע דערשײַנט זינט 1993 ***די ייִדישע גאַס***, אַ ליטעראַרישער זשורנאַל וואָס איז אין דער אמתן נישט אַזוי נײַ ווײַל ער איז דער המשך פֿון גרויסן סאָוועטישן זשורנאַל ***סאָוועטיש היימלאַנד***. אין וואַרשע דערשײַנט זינט 1992 אַ צווייִשפּראַכיקע צווייוואָכן-שריפֿט, ***דאָס ייִדישע וואָרט*** (זע זײַט 1). אין 1996 האָט מען אין פּאַריז געשאַפֿן די חודשלעכע ***ייִדישע העפֿטן*** און אין ירושלים אַ פֿײַנעם קינדער-זשורנאַל ***קינד-און-קייט***, רעדאַגירט פֿונעם שרײַבער באָריס סאַנדלער. און אַחרון אַחרון חבֿיבֿ[8] : אין אָקספֿאָרדער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישע שטודיעס איז געבוירן געוואָרן אין 1994 ***די פּען***, אַ נײַער, פּרעכטיק אילוסטרירטער ליטעראַרישער זשורנאַל וואָס איז אין גאַנצן געווידמעט די נײַע שאַפֿונגען אויף ייִדיש.

די פּאָר נעמען וואָס ווערן דאָ דערמאָנט שאַפֿן זיכער נישט קיין פֿולע ליסטע : אַחוץ די קלענערע וועלטלעכע צײַטשריפֿטן אין פֿאַרשיידענע לענדער, איז דאָ אַ מעכטיקע אָרטאָדאָקסישע פּרעסע אויף ייִדיש, אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל...

1. ניו-יאָרק 2. kheshbn compte, compte-rendu, examen de conscience/account, stocktaking (spiritual or otherwise) ; 3. oyle immigrant en Israël/immigrant to Israel ; 4. yokhed bemine unique en son genre/one of its kind ; 5. lekhol hapokhes au moins/at least ; 6. fondé/founded ; 7. klal-... yiddish standard/standard Yiddish ; 8. akhren akhren khovev enfin et surtout/last but not least.

## פֿון אַמעריקע

דער *פֿאָרווערטס*, דער באַרימטער ניו-יאָרקער זשורנאַל איז אין 1997 געוואָרן הונדערט יאָר אַלט. זאָל זײַן מיט מזל אויף דעם צווייטן יאָרהונדערט !

דעם ווײַטערדיקן בריוו האָט אונדז געשיקט מרדכי שטריגלער, דער הויפּט-רעדאַקטאָר פֿונעם *פֿאָרווערטס*. מיר דאַנקען אים האַרציק און מיר ווינטשן דעם *פֿאָרווערטס* - וואָס האָט לעצטנס אָנגענומען דעם ייִוואָ-אויסלייג[1] - מער און מער לייענערס !

*חשובֿע פֿרײַנד,*

*אַ דאַנק פֿאַר אײַער אינטערעסירן זיך מיטן פֿאָרווערטס - דאָס איינציקע וואָכנבלאַט פֿון וועלטלעכן[2] כאַראַקטער אויף ייִדיש, וואָס דערשײַנט בײַם הײַנטיקן טאָג אויפֿן אַמעריקאַנישן באָדן[3] בכלל.*

*דאָס לויבן זיך אַליין, אַפֿילו ווען דאָס שטימט מיט דער ווירקלעכקייט, איז נישט אין גײַסט פֿון אונדזער תּנכישער[4] טראַדיציע. אָבער מיר מעגן אויסדריקן דעם ווונטש, אַז אונדזער וואָכנבלאַט זאָל האָבן יונגע און באַוווסטזיניקע יורשים[5].*

*דער פֿאָרווערטס האָט אַלע מאָל געהיטן דעם פֿרײַען געדאַנק אָבער גלײַכצײַטיק אַרויסגעוויזן דרך-ארץ פֿאַרן אָנגעזאַמלטן אוצר פֿון אַלט ייִדישע ווערטן. האָפֿנטלעך וועט עס נאָך אָנהאַלטן לאַנגע יאָרן.*

**מ. שטריגלער**

1. l'orthographe standard du yiddish établie en 1936 par le YIVO/standard spelling of Yiddish established by YIVO in 1936 ; (YIVO = ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט) ; 2. laïc/secular ; 3. sol/soil ; 4. tanakhisher biblique/biblical ; 5. yorshim *sing.* yoyresh héritiers/heirs.

# פֿאָרווערטס

# אַן אַלף-בית

**א - אב.[1] קאַהאַן (1951-1860) :** רעדאַקטאָר פֿון *פֿאָרווערטס* פֿון 1902 ביז זײַן טויט. ער האָט געפֿירט די צײַטונג מיט אַן אײַזערנער האַנט און זי האָט טאַקע פּינקטלעך אָפּגעשפּיגלט[2] זײַנע אייגענע אידעעס און שטרעבונגען[3]. זײַן גאַנץ לעבן געקעמפֿט פֿאַר סאָציאַליזם און אַסימילאַציע. געשריבן ביכער אויף ייִדיש (עסייען וועגן סאָציאַליזם, זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע אין פֿינף בענד), ווי אויך פּראָזע אויף ענגליש. איינע פֿון זײַנע דערציילונגען, *יעקל*, האָט שפּעטער אינספּירירט דעם פֿילם *העסטער סטריט*.

**ב - בינטל-בריוו[4] :** אַ רובריק אין *פֿאָרווערטס*, אָנגעהויבן אין 1906, וואָס איז געוואָרן איינער פֿון די פּאָפּולערסטע טיילן פֿון דער צײַטונג. לייענערס פֿלעגן שרײַבן בעטנדיק עצות[5] וועגן כּלערליי[6] פּראָבלעמען : ליבע, משפּחה, אַרבעט, פּאָליטיק, רעליגיע, און אַלע מיני[7] לעבנס-פֿראַגעס. צום בײַשפּיל: אַ מאַן וויל וויסן אויב ער מעג, כאָטש ער איז אַ סאָציאַליסט און אַ פֿרײַדענקער, חתונה האָבן מיט חופּה-וקידושין[8] בלויז נישט צו פֿאַרדריסן די פֿרומע עלטערן. דער רעדאַקטאָר ענטפֿערט אַז יאָ, ער מעג : מע קען בלײַבן אַ סאָציאַליסט, און דאָך נישט זײַן קיין עקשן[9].




**ג - „גאָלדענע מדינה“ :** צווישן די יאָרן 1925-1880 האָבן 2,5 מיליאָן ייִדן אימיגרירט קיין אַמעריקע, אַ דריטל פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון מיזרח-אייראָפּע. פֿאַר די נײַע אימיגראַנטן איז דער *פֿאָרווערטס* געווען אַ מיטל זיך אויסצולערנען דעם נײַעם לעבנס-שטייגער און זיך צופּאַסן צו דער נײַער היים.

**ל - ליטעראַטור :** דער *פֿאָרווערטס* האָט געוואָלט זײַן אַ צײַטונג פֿאַר די אַרבעטער-מאַסן, פֿאַרן פּראָסטן עולם. גאַנץ אָפֿט האָט מען שטאַרק קריטיקירט זײַן נידעריקן סטיל און זײַן אַמעריקאַניזירט לשון. פֿונדעסטוועגן פֿלעגן זיך דרוקן אויף זײַנע שפּאַלטן[10] די גרעסטע ייִדישע שרײַבער. אַלע ווערק פֿון י. ב. זינגער (וואָס אין דער ייִדישער וועלט האָט ער געהייסן יצחק באַשעוויס) און פֿון י. י. זינגער (זײַן עלטערער ברודער) זײַנען דערשינען אין המשכים[11] אין *פֿאָרווערטס*. גאָר אַ סך אַנדערע פּראָזאַיִקער, פּאָעטן און הומאָריסטן האָבן דאָרטן געדרוקט זייערע שריפֿטן, ווי למשל אַבֿרהם רייזען, שלום אַש, חיים גראַדע...

**ע - ענגלישע אויסגאַבע :** אַ וואָכנשריפֿט אָנגעהויבן אין 1990 מיט אַ טיראַזש פֿון אַרום 25 000. עס איז מער קאָנסערוואַטיוו געשטימט ווי דער ייִדישער *פֿאָרווערטס*.

**פּ - „פּערל“:** אַ רובריק פֿון חנה און יוסף מלאָטעק, באַקאַנט ווי פֿאָרשערס פֿון ייִדישן געזאַנג און מחברים פֿון דרײַ פּרעכטיקע בענד געזאַמלטע לידער. עס באַשטייט פֿון צוויי טיילן : *פּערל פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע* און *לייענער דערמאָנען זיך לידער*.

**ר - רוסישע אויסגאַבע :** געשאַפֿן אין 1995, דער ייִנגסטער שפּראָץ[12] פֿונעם אַלטן בוים. קומט אויך אַרויס איין מאָל אַ וואָך און וויל שפּילן אַ ראָלע בײַ די נײַע אימיגראַנטן פֿון ראַטן-פֿאַרבאַנד, ווי דער אַמאָליקער *פֿאָרווערטס* האָט געשפּילט אין זײַן צײַט.

1. [EYB] Abe : אַ קירצונג פֿון אַבֿרהם, אַרויסגערעדט אויפֿן אַמעריקאַנער שטייגער
2. reflété/reflected ; 3. aspirations ; 4. Une liasse de lettres/A bundle of letters ; 5. EYTSES conseils/advice ; 6. KOLERLEY toutes sortes/all kinds ; 7. MINE sortes/kinds ; 8. ... KhUPE-VEKIDUShN mariage religieux/religious ceremony ; 9. AKShN têtu/stubborn ; 10. dans ses colonnes/in its columns ; 11. HEMShEYKhIM *sing*. HEMShEKh en feuilleton/in installments ; 12. bourgeon/sprout.

# תּיקון-טעות[1]

ס'זענען אָנגעקומען צו דער רעדאַקציע אַ פּאָר בריוו פֿון לייענערס וואָס האָבן אין אונדזער לעצטן נומער געפֿונען פֿאַרשיידענע גרײַזן. מיר באַדויערן אַז עס האָבן זיך טאַקע אַרײַנגעכאַפּט גרײַזן, נאָר מיר זענען צופֿרידן אַז אונדזערע לייענערס האָבן זיי באַמערקט !

אינעם אַרטיקל וועגן בונד (זײַט 1) זענען דאָ צוויי תּוך-גרײַזן[2] : ערשטנס, האָבן די בונדיסטן געהאַלטן, אַז ייִדיש דאַרף זײַן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון די אייראָפּעיִשע ייִדן (און נישט, ווי מיר האָבן געשריבן - די פֿאָלקשפּראַך, ווײַל דאָס איז ייִדיש סײַ ווי געווען). צווייטנס, סײַ די אויסשטעלונג, סײַ די אַנדערע אַקטיוויטעטן אַרום „הונדערט יאָר בונד“ זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם אַרבעטער-רינג און זענען אַלע פֿאָרגעקומען (אַחוץ דעם סימפּאָזיום אין דער הויכשול פֿאַר פּאָליטישע וויסנשאַפֿטן) אין דעם לאָקאַל פֿונעם אַרבעטער-רינג.

אינעם אַרטיקל וועגן דער בערזע (ז' 2) האָבן מיר געשריבן אַז די קורסן „פֿאַלן אַראָפּ“ - מע וואָלט געדאַרפֿט זאָגן (ווי עס שטייט אינעם גלאָסאַר) בלויז אַז זיי פֿאַלן.

מיר שלאָגן זיך על-חטא[3] און זאָגן אַ האַרציקן דאַנק אַלע וואָס לייענען מיט קאָפּ[4] און זשאַלעווען ניט קיין מי[5] אונדז צו שרײַבן.

1. TIKN-TOES errata ; 2. TOKh-... erreur de fond/factual error ; 3. AL-KhET Mea culpa ; 4. attentivement/carefully ; 5. se donner la peine, ne pas ménager ses forces/ spare no effort.

אַלע צייטשריפֿטן וואָס מיר דערמאָנען דאָ קען מען געפֿינען אין דער מעדעם-ביבליאָטעק, ווו מע קען אויך קריגן אינפֿאָרמאַציעס אויף צו אַבאָנירן זיך.




## מע שרײַבט אונדז פֿון קיִעוו

מיר האָבן באַקומען אַ בריוו פֿון קיִעוו מיט אַ זעלטענער בקשה[1]. פֿר' גאָלדע טוראָווסקי שרײַבט אַז זי איז אַן אַלמנה[2], אַ פּענסיאָנערקע, אַ ייִדיש-רעדנדיקע, אין גוטן געזונט, זעט אויס גוט און אַז איר טרוים איז „צו לעבן אין שלום און ייִדישקייט“. זי וואָלט געוואָלט זיך באַקענען מיט אַ ייִדישן מאַן, פֿון 65 ביז 80 יאָר, כּדי זיך איבערצושרײַבן און דערנאָך זיך באַגעגענען.

געוויינטלעך האָבן אונדזערע געשעפֿטן גאָר ניט צו טאָן מיט שדכנות[3], נאָר מילא[4], וואָס קען שאַטן ? און אויב עס קען העלפֿן איז דאָך אַוודאי גוט !

מיר גיבן איבער דאָ איר אַדרעס :

Olga Moisseyevna Turovskaya
Ul. Entuzyastov 35/1 kv.26
253147 Kiev
Ukraine

1. BAKOShE demande/request ; 2. ALMONE veuve/widow ; 3. ShADKhONES le métier du marieur/matchmaking ; 4. MEYLE *ici* : après tout/it doesn't matter.


דער ייִדישער טעם-טעם
אויף אינטערנעט : http://www.yiddishweb.com/tamtam.htm

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

מעדעם-ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger 75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr


אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :
אַניק, בראָניד, זשיל, יצחק, מלכּה, נאַטאַליאַ, ניקי, רובי.